איי"ה ביי אייך
בקרוב ממש
די ריכטיגע השתדלות צו אייער באשערטע

ציבור'ס פלאטפארמע, מיט נייעס, באריכטן, דעבאטעס, איבער די שידוכים לעזונג

וואס נעמט אזוי לאנג?!

צו די בקרוב פלאטפארמע. איך בין א טאטע וואס האט ביי 'בקרוב' א זוהן איינגעשריבן, און ווי איך ווייס פארמאגט איר יעדע שטיק צייט זיצונגען מיט אלע שדכנים, און מ'גייט צוזאמען דורך בחור ביי בחור, מ'פרובירט אויפצוקומען מיט גוטע געדאנקען.

לויט מיין אינפארמאציע האט איר א מיטינג פון צוויי-דריי שעה, ווער עס איז אויסגעלאפן פון געדאנקען פאר די בחור וואס ער דארף אים טרעפן א שידוך, טוישט זיך אויף בחור מיט א צווייטע שדכן, אז יעדער זאל האבן א פרישע נאמען אויף ווענען צו ארבעטן, און קומען מיט נייע געדאנקען.

אויב אזוי, פארוואס האט איר נאכנישט געברענגט די פאסיגסטע שידוך פאר מיין קינד?

הצלחה און סייעתא דשמיא, איך ווארט צו הערן פון אייך. ד.ש.וו. בארא פארק.

קודם כל, טוען מיר גראטולירן אייער שטארקייט צו קומען צו אונז מיט די קריטיק. עס זענען פארהאנען עלטערן וואס ווילן גארנישט זאגן פארן שדכן ווען זיי האבן סיי וועלכע טענות. זיי זאגן גארנישט ווייל זיי ווילן נישט מאכן א רוגזה מיטן שדכן, סוף כל סוף ווארטן זיי מ'זאל אנטראגן עפעס א שידוך.

אבער פון די אנדערע זייט, ווילן זיי ליידער בארעדן דעם שדכן אויף נישט קיין שיינעם פארנעם, און אים באשמוצן אונטער זיין רוקן. מ'מיינט אז די וועלט איז גענוג גרויס, אבער די מציאות איז אז ס'איז א קליינע וועלט... בפרט אין תשע"ט.

פאקט איז, דער שדכן הערט דאס צוריק, און דאס שטעכט אים ווי א מעסער אין רוקן. האסט טענות? קום צו מיר, לאמיר זיך אויסשמועסן! ארומגיין און בארעדן, באשמוצן, פארשעמען דעם שדכן פאר אנדערע, מאכט אז ווען דער שדכן הערט צוריק פון 'גוטע אידן', וועט ער פיל וויניגער זיין נייגעריג צו ארבעטן פאר אייך, ווי ווען איר זאגט אים די טענות קלאר און דייטליך.

אלזא, א דאנק פארן זיך ווענדן דירעקט צו אונז מיט אייערע טענות, מיר טוען דאס שטארק באגריסן, און אין איינוועגס האבן מיר שוין אריינגעכאפט צו אדרעסירן א וויכטיגע טעמע וואס האט שוין לאנג געזאלט אדרעסירט ווערן פארן ציבור.

***

אז איר דערמאנט די זיצונגען פון די בקרוב שדכנים 'יעדע שטיק צייט', ווילן מיר נאר פארריכטן, אז ס'איז נישט יעדע שטיק צייט, נאר 'יעדן טאג' די ערשטע צוויי שעה פון טאג, זעצן זיך צוזאמען אלע שדכנים פאר א גרויסע זיצונג, מ'זאגט די דערגרייכונגען פונעם נעכטן, מען לייגט פאר די שאיפות פארן היינטיגן טאג, און מ'קלארט אויס געדאנקען פאר שידוכים צי דאס איז טאקע פאסיג. אלץ איז גוט צו האבן נאך א מיינונג בעפאר מען רופט די עלטערן, טאקע צו זיין אויף די ריכטיגע זייט.

און ס'איז זייער א וויכטיגע זאך. אויב האט איר געליינט אונזער קאלום פארלאפענעם וואך, האט איר פארשטאנען אז דאס וואס דער שדכן קומט נישט צוריק באלד מיט נעמען, איז וויבאלד ער רעכנט זיך מיט אייך, און מיט אייערע געפילן, און ער וויל בלויז אנטראגן עפעס וואס איר וועט זיין דערמיט צופרידן, און נישט חלילה פארקערט.

***

בנוגע אייער אנפראגע. עס איז גוט אז איר זאלט וויסן - כאטש געוועינליך פארציילן מיר דאס נישט - אבער אז איר פרעגט ספעציפיש ווילן מיר ענטפערן ספעציפיש: טאקע פאר אייער בחור, האבן מיר ביים לעצטן זיצונג צוגעלייגט א פרישע שעה, מיר זענען אינאיינעם דורך אלע ליסטעס און געקוקט אלע אפציעס.

מיר האבן זיך געבראכן קאפ פאר א באזונדערע שעה, און דאס האט נאכגעפאלגט מיט נאך איינס, און ב"ה אז מ'איז אויפגעקומען מיט א פאסיגע מיידל, וואס די לבוש איז די גאטונג פון די משפחה, די נאטורן פון די צוויי זענען פאסיג, און די קרייז איז אויך עפעס וואס שטימט.

מיר האבן אייך צוריק גערופן מיט די נאמען... און איר געדענקט וואס אייער רעאקציע איז געווען?! אז נישט לאמיר אייך דערמאנען: "אזויפיל שדכנים, אזוי פיל שעות, און נאר אייך שידוך?!"... דאן פרעגט איר "וואס איז מיט די מיידל פון משפחת פלוני?" און דער שדכן ענטפערט אז זי ציילט זיך נישט פון די קלוגערע, און אייער זוהן איז א קלוגער, ער וועט דאס נישט סובל זיין.

"און פלונית'טע?" האט איר נישט נאכגעלאזט. די ענטפער איז געווען אז יענע טאטע זוכט איינער וואס זאל זיצן אין כולל 10 יאר - א זאך וואס אייער בחור קען זיך נישט אונטערנעמען אפילו פאר איין יאר. די דריטע נאמען וואס איר האט געפרעגט האט געהאט א עלטערע ברודער, און די פערטע האט נאר געוואלט א שייטל משפחה.

דאס מיינט אז מיר ווייסן די אלע נעמען וואס איר זאגט אונז, אבער מיר טראגן דאס נישט אן, ווייל מיר ווייסן שוין פון פאראויס די פראבלעמען, און ס'איז א שאד די צייט. און דערפאר - נעמט עס אזוי לאנג...

א וויכטיגע הוספה צו די שמועס וואס דארף אויסגעקלארט ווערן אויף די שמועסן ביז יעצט: כאטש וואס מיר האבן געשריבן אין די פארגאנגענהייט אז ווען מ'רופט דעם שדכן אנשטאט צו שטיין און ווארטן אויף אים, גיבט עס א שטופ און דערמאנונג צו ארבעטן אויף אייער זוהן - דארף מען וויסן אז מ'זאל דאס נאר טוען ווען דער שדכן ווארט אויף אייער רוף. סתם רופן און נודזשענען דעם שדכן יעדע שעה צו הערן אפדעיטס, איז נישט רעקאמאנדירט.

פאר סיי וועלכע קאמענטארן, פראגעס, געדאנקען, עצות, חיזוק, הדרכה וכדומה, קענט איר אריינרופן 'בקרוב', און מיר ווילן בעז"ה אדרעסירן אייער טעמע.
טעלעפאן: 845.351.0445 עקסטענשאן 8 | פאקס: 845.470.3092
בליץ-פאסט צו: shdchnm@gmail.com